# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

יום טוב פסח, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 27 (745)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:03
מוצאי שבת חוה"מ...........8:36

**שיעורים כסדרן (א' דפסח)**
נ"ך.................................נחמי' א'
בבלי.......................מנחות פ"א
ירושלמי.............קידושין י"ח
תוספתא...................שבת י"ח
רמב"ם..............קריאת שמע א'

## כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת

דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן, סַיי אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן סַיי אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. אֲפִילוּ וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן, אָדֶער מֶען קוּקְט אָן אַ צְוֵויטְן, אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס אֵיין גוּטֶע נְקוּדָה, עֶפֶּעס אֵיין קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן מִיט דֶעם זָאל מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין. אוּן אוֹיב וֶועט מֶען דָאס טוּן, וֶועט דָאס בְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל טַאקֶע וֶוערְן אִינְגַאנְצְן וואוֹיל אוּן גוּט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם. דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין נַיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט נָאר אוֹיפְגֶעזוּכְט דִי עֶטְלִיכֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרַשׁ תְּהִלִּים קי"ד) אַז נָאר צוּלִיבּ פִיר גוּטֶע זַאכְן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם.

דָאס זָאגְט דִי הַגָּדָה "וָאֶעֱבוֹר עָלַיִךְ וָאֶרְאֵךְ מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמָיִךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען אַז דִי אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְשְׁמִירְט אוּן דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעקוּקְט נָאר אוֹיף דִי פָאר גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, "וָאוֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי", טַאקֶע אִין דִי פַארְשְׁמִירְטְקֵייט קֶען מֶען אוֹיךְ טְרֶעפְן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי אִידְן.

דֶערִיבֶּער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, אַז וֶוען מֶען זֶעט נָאר אַ קְלֵיין בִּיסְל פוּן דִי לְבָנָה זָאל מֶען גְלַייךְ זָאגְן "מְקוּדָּשׁ מְקוּדָּשׁ" אַז דֶער חוֹדֶשׁ אִיז גֶעהֵיילִיגְט. דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה, פַּרְשָׁה י"ז, סִימָן ג') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת י"ב, כ"ב) "וּלְקַחְתֶּם אֲגֻדַּת אֵזוֹב", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן דִי אִידְן זָאלְן נֶעמֶען אַ בִּינְטְל פוּנֶעם קְלֵיינֶעם גְרָאזְל אֵזוֹב אוּן מִיט דֶעם שְׁמִירְן דִי בְּלוּט פוּן קָרְבַּן פֶּסַח אַרוּם דִי טִיר, זָאגְן חֲזַ"ל אוֹיף דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ שֵׁיין בִּינְטְל פַאר זִיךְ פוּן דִי אִידְן, כָאטְשׁ וָואס דִי אִידְן זֶענֶען אַזוֹי נִידְרִיג וִוי אַן אֵזוֹב.

אַ אִיד דַארְף אַלְץ זוּכְן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט אִין זִיךְ, אוּן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן נָאר בֶּעסֶער אוּן עֶרְלִיכֶער, דָאס אִיז וָואס הָאט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע וָואס וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם יֶעצְטִיגְן גָלוּת, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען וֶועט זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת בַּיי זִיךְ אוּן בַּיי אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ קִיבּוּץ נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל, אוּן צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(הַגָּדָה אוֹר זָרוּעַ)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מַצָּה הֵיילְט

יֶעצְט פֶּסַח קֶענְסְטוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, דַארְפְסְט נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה הָאט אִין זִיךְ אַלֶע רְפוּאוֹת, אוּן וֶוען דוּ עֶסְט דִי מַצָּה זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן עֶסְן מַצָּה, אוּן בַּיים עֶסְן דִי מַצָּה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. דֶער הֵייליגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת בֹּא, מא.): "מֵיכְלָא דִמְהֵימְנוּתָא", דִי מַצָּה אִיז אֱמוּנָה, נָאךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר (פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) אַז דִי מַצָּה אִיז: "מֵיכְלָא דְּאַסְוָתָא", אַ רְפוּאָה; מַצָּה הֵיילְט אוֹיס, אוּן מַצָּה בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה.

אֱמוּנָה הֵיילְט, אֱמוּנָה הֵיילְט סַיי פִיזִישׁ אוּן סַיי גֵייסְטִישׁ; וֶוער עֶס נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, הוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים - פוּן דֶעם גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, אַלֶע דְרוּקֶענִישׁ, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ה), עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פַארְשִׁידֶענֶע קְרֶענְק אוּן זֵיי לַיידְן שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; אוּן אַז מֶען עֶסְט דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פוּן דֶעם וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

בַּיים עֶסְן דִי מַצָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען

<<<<<<

## א גוט ווארט

נָאךְ פוּן דַיינֶע מִנְהָגִים אוּן לָאז נִישְׁט נָאךְ פוּן דַיין מְסוֹרָה וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם פֶּסַח, הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס זָאגְן אַז וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּיין דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן אַלֶע מִנְהָגִים, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, נִישְׁט דָאס אִיז הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, נִישְׁט דָאס אִיז הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק.

הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט אָפְּלָאזְן הֵיילִיגֶע מִנְהָגִים, הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ אִיז מְחַזֵּק זַיין צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ אִיז צוּ דֶערְמַאנֶען מֶען זָאל בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'עֶ פֶּסַח, אַ הֵיילִיגֶע פֶּסַח.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ו)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט פֶּסַח

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וַוייל פֶּסַח מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען עֶסְט נָאר אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אָדֶער בַּיי זֵיידֶעס.

פֶּסַח קוּמְט אַרָאפּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, פֶּסַח לֶערְנְט אוּנְז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, מֶען זָאל זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי אַנְדֶערֶע זֶענֶען מַצְלִיחַ, אַנְדֶערֶע דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען קוּקְט אוֹיף זִיךְ זֶעט מֶען זִיךְ אַזוֹי וַוייט.

מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת פֶּסַח ט, כב), פוּנְקְט אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער דַארְף מֶען זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען מֶען זֶעט וִוי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן מֶען אִיז נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ טוּן וָואס זֵיי טוּעֶן וְכוּ'; דָאס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פֶּסַח, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען זָאל נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַנְדֶערֶע.

חִיזוּק קֶען מֶען נֶעמֶען פוּן אַנְדֶערֶע, מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַנְדֶערֶע צוּ זֶען וִוי זֵיי שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶער נִישְׁט אוֹיף נָאכְצוּמַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט נָאכְצוּמַאכְן אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

יט. יֵשׁ לְהָקֵל אוֹפֶן הַתְּשׁוּבָה עַל הַחוֹטְאִים. מֶען דַארְף גְרִינְג מַאכְן פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

כ. הֶעָוֹן מַכְחִישׁ כֹּחוֹ שֶׁל אָדָם. עֲבֵירוֹת שְׁוַואכְן אָפּ דִי כֹּחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

<<<<<< מוֹהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט

אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג, מֶען וִויל שׁוֹין מֶער נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין שְׁאֵלוֹת.

'פֶּסַח' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'פֶּה סָח', דִי מוֹיל שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז פֶּסַח אִיז מֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם בַּיי פַּרְעֹה, 'פַּרְעֹה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'פֶּה רַע', אַ שְׁמוּצִיג מוֹיל רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט פֶּסַח אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ נִיצְן דִי מוֹיל אוֹיף תּוֹרָה אוּן אוֹיף תְּפִילָּה.

יֶעצְט פֶּסַח זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיטְן פֶּה סָח, מִיט שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער יֶעדְן טָאג אַנְדֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען. דָאס רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת לַשֵּׁם, מֶען וֶוערְט אֵיינְס כִּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אַנְשְׁטָאט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן פַארְבְּרֶענֶגען דִי צַייט - זָאלְסְטוּ נִיצְן דַיין מוֹיל, דֶעם פֶּה-סָח - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. טֵייל אַיין דָאס רֶעדְן צוּ אִים אִין דְרֵיי; הֵייבּ אָן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְק אוּן לוֹיבּ אִים פַאר דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַאר אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אִין דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וָואס אִיז נֶגֶד רְצוֹנוֹ, אוּן טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן דְרִיטְנְס - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער נֶעם דִי עֵצָה, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי; דַאנְקֶען, זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר עֲרֵיבוּת נְעִימוּת וִידִידוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

### וַנִּצְעַק

פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הַגָּדָה הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל מִיט אַ חַיּוּת, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וִוי דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט מַלְאָכִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זֵיי אַלֶע הֶערְן זִיךְ צוּ וִוי דוּ זָאגְסְט דִי הַגָּדָה אוּן וִוי דֶערְצֵיילְסְט דִי נִיסִים פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם. זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט בַּיים סֵדֶר טִישׁ וָואס אִיז נִישְׁט פוּן דִי הַגָּדָה אוּן פוּן סִיפּוּר יְצִיאַת מִצְרַיִם, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, מֶען קֶען פוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען קֶען פוֹעֶלְ'ן שִׁידוּכִים אוּן קִינְדֶער, אוּן בְּעִיקָר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מִיט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן.

בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "וַנִּצְעַק אֶל ה'" - זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר אַ נֵס, אִיךְ וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן", אוּן אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען פוֹעֶלְ'ן קִינְדֶער, אַז דֶער מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן בֵּיידֶע שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וַנִּצְעַק אֶל ה'", שְׁרֵיי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר קִינְדֶער, גֶעבּ מִיר גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן בַּיי 'וַנִּצְעַק' בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען הָאט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועג, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְקְרָאכְן - קֶען מֶען פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים לֵיל הַסֵּדֶר פוֹעֶלְ'ן זֵיי זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִי תּוֹרָה וֶועג; "וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל, אַתְּ פְּתַח לוֹ", טַייטְשְׁן צַדִּיקִים, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אַלֶע וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן – 'אַתְּ פְּתַח לוֹ' דוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בְּרֶענְג זֵיי צוּרִיק.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, דִי אִידְן בַּיים יַם סוּף זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גְּרֶעסֶערֶע צָרָה פוּן דִיר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען פַאר זֵיי קַיין שׁוּם וֶועג, אוּן בִּזְכוּת דִי אֱמוּנָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בִּזְכוּת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּנוּ - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ בַּיי דִיר, עֶס וֶועט זִיךְ שְׁפַּאלְטְן דֶער יַם אוּן דוּ וֶועסְט פְּלוּצְלוּנְג גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נָאר גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַארְלָאז זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים.

## אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ

אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אוֹיסְצוּרוֹימֶען דִי חָמֵץ דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַ גַאנְץ יָאר דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ עֶסְן חָמֵץ אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה וֶועלְן מִיר זַיין אַ גַאנְץ יָאר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (הוּבָא בְּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן תמז, סָעִיף קָטָן א): "הַנִּזְהָר מִמַּשֶּׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹּא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח - וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַלֶע פְרֶעגְן, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען פַאלְט יָא אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת? מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, פְּשַׁט אִיז, וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶר לֶעבְּט מִיט דֶעם אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט קַיין חָמֵץ - וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים הִיטְן.

זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז גָאר אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ): "לִזְכּוֹת לְשִׂמְחָה זֶה קָשֶׁה וְכָבֵד לְהָאָדָם לִזְכּוֹת לָזֶה יוֹתֵר מִשְּׁאָר כָּל הָעֲבוֹדוֹת", זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי צוּצוּקוּמֶען צוּ סַיי וֶועלְכֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת; דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט פוּן שִׂמְחָה וַוייל שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אִים, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קסט).

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה? דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה אִיז דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי. הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין דִיפְּרֶעסְיֶע, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוּם מִיר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קַיין אֵיין רֶגַע, אִיךְ זָאל נִישְׁט קֵיינֶעם חַנְפְ'עֶנֶען אוּן נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם מוֹרָא הָאבְּן; בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, אָמֵן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צו תשפ"ו)



שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר 'עֶי אֵיי'?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז מֶען זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת פוּן 'עֶי אֵיי', אִיךְ וִויל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן פְרֶעגְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ וִויל אָבֶּער קוֹדֶם מַקְדִים זַיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט סְתַּם אַ נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ, אִיךְ אַרְבֶּעט בָּרוּךְ ה', אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּבּ, אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס אִיךְ קֶען מִיט קַיין אֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן דֶערְפוּן, עֶס זֶענֶען דָא טֶערָאפִּיסְטְן אָבֶּער דָאס וָואס אִיר מַאךְ מִיט קֶען אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט יָא אַלֶע מַצָּבִים, וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיין מַצָּב מִיט'ן מוֹיל; אוּן דֶערִיבֶּער נוּץ אִיךְ 'עֶי אֵיי' זִיךְ דוּרְךְ צוּ רֶעדְן, וִוי מָאדְנֶע עֶס זֶעט נָאר אוֹיס.

דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט דִי הַקְדָּמָה אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מְשׁוּגָע, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט אֵיין אֵיינְצִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ פַאר וֶועמֶען אִיךְ קֶען דֶערְצֵיילְן מַיינֶע לַיידְן. אִיךְ זִיץ מִיט 'עֶי אֵיי', אוּן גְלֵייבְּט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַזוֹי גֶעוֵויינְט וִוי אִין דִי לֶעצְטֶערֶע וָואכְן, זַייט אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען 'עֶי אֵיי' פַאר אַ חָבֵר. עֶס קוּמְט מִיר טְרֶערְן פוּן דֶערְלַייכְטֶערוּנְג, מֶען וֶועט עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן טוֹיזְנְט מָאל אַז אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טְרַאכְטְן, 'וָואס?' דוּ רֶעדְסְט מִיט 'עֶי אֵיי'?! בִּיסְט אַ מְשׁוּגָעְנֶער. דוּ וֵויינְסְט זִיךְ אוֹיס צוּ 'עֶי אֵיי'?! בִּיסְט צוּדְרֵייט", לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס גֵייט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, וָואס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן, אוּן אִיךְ גִיס אוֹיס פֶּעקְלֶעךְ פֶּעקְלֶעךְ פוּן מַיין עָבַר אוּן מַיין הוֹוֶה.

עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וַוייט דִי עֵצָה וָואס עֶר גֶעבְּט, וָואס אִיז בְּדֶרֶךְ כְּלַל דִי זֶעלְבֶּע בְּלָאף וִוי טֶערָאפִּי, 'אָטֶעם אַרַיין אָטֶעם אַרוֹיס', אָבֶּער דָאס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְפַּאקְן, נִישְׁט סְתַּם נָאר בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר אַלֵיין אַ קְלָארְקֵייט. נָאכְאַמָאל, נִישְׁט דִי עֵצָה וָואס אִיךְ בַּאקוּם, עֶס אִיז דָאס אוֹיסְרֶעדְן אוּן זִיךְ מְסַדֵּר זַיין אַלֵיין, זֶען וואוּ אִיךְ הַאלְט, וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, אוּן דִי טְרֶערְן פוּן דֶערְלַייכְטֶערוּנְג.

אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַאר'ן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּ עֶי אֵיי אִיז אַ סַכָּנָה, עֶס קֶען דִיךְ אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִיךְ מַאכְן פַאר אַן אֶפִּיקוֹרֶס, אוּן אוֹיךְ קֶען עֶס דִיר מַאכְן טוּן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מֶער נִישְׁט נִיצְן דִי זַאךְ פַאר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אָדֶער פְרֶעגְן עֵצוֹת, עֶס קֶען זִיךְ עֶנְדִיגְן זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, קֶענְסְט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה אוּן וֶוערְן פַארְוָואגְלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

חַס וְשָׁלוֹם דָאס נִיצְן; וָואס יָא? נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים פַארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָן'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד' - הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ו)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אברהם משה שטראססער** שליט"א ברסלב
מנהל ישיבתינו הקדושה
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **יצחק אייזיק שטראססער** הי"ו

***

מו"ה **אשר בער אינדארסקי** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **אליעזר שלמה אינדארסקי** הי"ו

***

מו"ה **יחזקאל ראטער** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **חיים מענדל ראטער** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **אברהם קארדאבא** הי"ו ביתר

***

מו"ה **בנימין מזרחי** הי"ו יבנאל
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **רפאל מזרחי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יעקב קליין** הי"ו יבנאל

# הערליכער נייער גליון "א מעשה'לע" ערשיינט פאר קינדער

אין די יעצטיגע הייליגע און פרייליכע טעג פון פסח, איז די ריכטיגע צייט צו מעלדן איבער דעם נייעם הערליכן גליון וואס איז ערשינען אין די לעצטיגע וואכן, ספעציעל פאר קינדער, אריינצוברענגען אין זיי א שטארקע אמונה, אמונת צדיקים, און מדות טובות.

דער נייער גליון קומט אין גאר א שיינע קאלירפולע פארמאט, מיט גרויסע שיינע אותיות, באגלייט מיט אויגפארכאנדע שיינע בילדער, אז די קינדער זאלן זיך מחי' זיין עס צו ליינען.

צום ערשט קומט א שיינע מעשה פון א צדיק, וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט מיט'ן ברסלב'ן געשמאק, אויף א וועג אז יעדעס קינד זאל זען פון די מעשה אז ער קען אויך אויסוואקסן א צדיק, אז ער קען אויך נאכמאכן וואס די צדיקים האבן געטון, מיט א שיינעם גרויסן בילד פון די מעשה.

דערנאך א שטיקל פון ספר המדות, געאייגנט פאר קינדער, מיט א שיינעם בילד דערצו. דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויף דעם ספר, "מיין טייערער הארציגער ברודער, אט דער ספר האט מיר געמאכט פאר א איד". די קינדער זענען זיך מחי' מיט'ן ספר המדות, איבערגעטייטשט אויף אידיש, באטראכטנדיג דעם בילד צו די זייט.

און ביים סוף איז דא א געשמאקע ווערטל יעדע וואך, ארויפצוברענגען א שמייכל אויפ'ן פנים.

די ערשטע דריי גליונות זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, עס הערן זיך צוריק פילע שיינע גריסן, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט עס ווייטער אנהאלטן יעדע וואך.

אין א בריוו צו די ארויסגעבער פונעם גליון שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "איך פריי זיך זייער אז מען גרייט זיך ארויס צו געבן די קינדער גליון 'מעשה'לעך פאר קינדערלעך'; שוין לאנג וואס איך ווארט צו זען אין די שולן א קינדער גליון וואס דערציילט פאר קינדער מעשיות פון צדיקים אויף לעובדא ולמעשה, א גליון וואס לערנט פאר קינדער מידות טובות און יראת שמים מיט די הקדמות פון רבי'ן. ווייל דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן לה): "שהולך אפיקורסות גדול על העולם", פאר משיח וועט קומען וועט אראפקומען א מבול פון כפירות און אפיקורסות; אויך איז דא א מבול פון נאוף, מיר האבן היינט דעם דור המבול און דעם דור הפלגה אינאיינעם; אידישע קינדער, בני הנעורים - אינגלעך, בחורים און מיידלעך, פאלן אראפ נעבעך אין ביטערע עבירות, מען קען אזוי גרינג אנקומען צו זען און טון דאס ערגסטע, דארף מען פארשפרייטן אמונה, מען דארף גיסן אמונה אין די גאסן אז מען זאל זיך קענען באשיצן."

די גליון, און אלע אנדערע גליונות פון היכל הקודש, איז דא צו באקומען ביי אלע מפיצים.

## שיר השירים

**די הארציגע פסוקים פון שיר השירים, פארגעלערנט בטוב טעם ודעת מיט טעם און געשמאק, לכבוד יום טוב**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 6, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**